# פרשת אחרי

## בס"ד. התוועדות כ"ף מנחם-אב ה'תשל"ה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דאס קומט אראפ אין א הוראה מפורטת אין פרקי אבות, וואס כאמור כמ"פ איז די ענינים והוראות וואס זיינען מדות בני אדם לכאורה בין אדם לחבירו רובם ככולם, וואס זיי זיינען מיוסד טאקע אויף ענינים פון סודות התורה און רזי התורה, אבער דערפון ווערט דערנאך נשתלשל הוראות אין הנהגות בין אדם לחבירו אויך.

און אויף דערויף זאגט מען ווי די משנה זאגט אין אבות אז "אם אין אני לי" איז דעמאלט "מי לי", וואס דא זאגט ער אויך דעם לשון אני, און ס'איז פארשטאדיק פארוואס ער זאגט דאס אין א לשון וואס באווייזט אויף א מציאות, ווארום דער תוכן המאמר איז "אם אין אני לי מי לי".

ביז וואנעט אז מ'זאגט אז מ'דארף גיין מתפלל זיין פאר דעם אויבערשטן און ער העלפט, און האט א בטחון אז זיין תפלה וועט פועל זיין, דארף ער האבן אין זיך אט דעם תוקף האלטן פון זיך אז "ואני תפלה", אז זיין תפלה איז תופס מקום, און דאס זאל ביי אים ניט פועל זיין קיין גאוה, ווארום ניט ער איז א מציאות אויף אויפטאן מצד עצמו, נאר ער איז א מציאות, אז דורך דערויף "ואני תפלה" וועט דער אויבערשטער ממלא זיין תפלתו ובקשתו, און ס'וועט זיך אלץ אויפטאן און אפטאן ווי ס'דארף זיך אפטאן.

און אט דא קען דאך זאגן, אז וואס דארף ער אליין טאן אויב אזוי, ער וועט זיך פארלאזן אויפן אויבערשטן און אליין וועט ער אפילו ניט מתפלל זיין, זאגט מען אויף דערויף אז "אם אין אני לי מי לי", אז מ'מוז האבן אט דאס וואס דער אויבערשטער האט איינגעשטעלט, און האט אנגעזאגט און געגעבן דעם כח אז מ'וועט מתפלל זיין, איז אט דעמאלט "דברים היוצאים מן הלב" פון א אידישע הארץ איז אט דעמאלט "נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם", טוען זיי אויף זייער פעולה, מ'דארף אבער האבן אז ס'זאל זיין "דברים היוצאים מן הלב" – "איזוהי עבודה שבלב" – ווי די גמרא זאגט אין תענית – "זוהי תפלה".

און אויף דערויף זאגט די משנה די הוראה כללית אז "אם אין אני לי מי לי" – ער קען זיך ניט פארלאזן אויף א צווייטן, אפילו אז דער צווייטער איז אויך א איד, און אפילו אז דער צווייטער געפינט זיך אין אן עיר הבירה, און אפילו לכאורה אז ער האט באקאנטשאפט וכו', איז בשעת מ'דארף האבן א זאך פאר זיך און א זאך פאר אידישקייט, און דער אויבערשטער האט אים געגעבן צו וויסן אז ס'איז דא אט דער ענין און ער דארף אין דערויף טאן, קען ער זיך ניט פארלאזן אויף א צווייטן ווארום "אם אין אני לי מי לי".

דארף מען גלייך באווארענען: אויב אזוי קען ער זיך אריבערכאפן אין דעם צווייטן מאס, אין דעם צווייטן קצה, אז אויב אזוי איז ער אינגאנצן, איז אויף דערויף איז מען גלייך ממשיך "וכשאני לעצמי" אט דעמאלט איז "מה אני", אז אויב ער שטעלט זיך אוועק אויף כוחי ועוצם ידי, ער איז פאר זיך אליין, און דארף ניט אנקומען צו דעם וואס "ואני תפלה", צו דעם צו וועמען מ'דארף מתפלל זיין און אט דעמאלט ווער ער אני לעצמי, איז אט דעמאלט זאגט מען אים גלייך אז "מה אני".

און דערנאך קומט גלייך די דריטע הוראה, וואס דאס איז אז מ'קומט צוגיין צו א אידן און מ'רעדט וועגן א דבר טוב, ענטפערט ער בשעת ער האט אימעצן וואס וויל אים מבלבל זיין, אז אמת טאקע קען זיין



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אחרי

אז ס׳איז א גלייכע זאך אבער ער דארף האבן צייט אויף דורכטראכטן די זאך, וואס איז די היילעניש און וואס איז דער חפזון, און וואס דארף מען אזוי שטורעמען וכו׳ – ער וועט דאס אפלייגן אויף מארגן, בשעת ס׳וועט ווערן רואיקע צייטן, און ער וועט זיין איינגאנצן "הניח ה׳ אלקיך לך מכל אויביך מסביב", אט דעמאלט וועט ער טראכטן וועגן דעם אויבערשטן און וועט טראכטן וועגן "בחוקותי תלכו ואת מצוותי תשמרו ועשיתם אותם".

זאגט מען אים אויף דערויף: "ואם לא עכשיו" איז אט דעמאלט "אימתי", אז וויבאלד אז ס׳איז אנגעקומען די ידיעה אז מ׳דארף טאן א פעולה פלונית א פעולה מסויימת, און מ׳קען דאס טאן, איז אט דעמאלט רעכט אז אם לא עכשיו, ער וועט דאס ניט אפטאן בשעתא חדא וברגעא חדא בקרוב ממש, ווייסט מען ניט צי ס׳וועט זיין א צווייטע געלעגענהייט ווען ער וועט דאס קענען טאן.

וואס ווי דאס איז אזוי אין עבודה רוחנית, איז ווי גערעדט פריער ווערט דאס דערנאך נשתלשל אויך אין פעולות ביז אין ענינים גשמיים, אז מ׳זעט אין הנהגה גשמית, ובפרט אז דאס רעדט זיך וועגן א מעט בכמות, און מ׳דארף מנצח זיין און אויסמיידן ענינים דורך איכות, איז אט דעמאלט איז ניט דער סדר אז מ׳איז מפרסם אז מ׳וועט זיך זעצן מיישב זיין זיך, און מ׳וועט מאכן אסיפות, און מ׳וועט לאזן זיך דורכשלאפן די זאך, און דערנאך וועט מען זען פון איין אסיפה א צווייטע און פון דער צווייטער צו א דריטער, און דערנאך וועט מען אויסקלייבן א וועידה וואס זי זאל דן זיין אין דעם ענין – איז אויף דערויף ענטפערט מען "אם לא עכשיו אימתי".


© 2003 Jewish Educational Media, Inc.